# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת ויגש, ז' טבת, שנת תשפ"ו לפ"ק — שנה 15, גליון 13 (731)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................4:17
מוצאי שבת קודש............5:48

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.........................איוב ח'
בבלי.........................זבחים ק"ד
ירושלמי.....................נזיר כ"ג
תוספתא..............מקוואות ח'
רמב"ם.......................עדות י"ח

# אַ וָואֹרְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וְעַתָּה אַל תֵּעָצְבוּ וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם כִּי מְכַרְתֶּם אֹתִי הֵנָּה, דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה כא, ו) אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס וָואֹרְט וְעַתָּה מֵיינְט תְּשׁוּבָה. דַארְף מֶען פַארְשְׁטֵיין וָואס הָאט דֶער וָואֹרְט וְעַתָּה מִיט תְּשׁוּבָה?

דֶער רֶבִּי שְׁרַייבְּט אוֹיף אַסַאךְ פְּלֶעצֶער, אַז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה אִיז, אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן אַלֶעס וָואס מֶען הָאט גֶעטוּן בִּיז יֶעצְט אוּן אָנְהֵייבְּן שְׁטֶענְדִיג פוּן נַיי אַזוֹי וִוי מֶען וָואלְט יֶעצְט גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן, מֶען הֵייבְּט יֶעצְט אָן צוּם עֶרְשְׁטְן מָאל צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיבּ גֶעדֶענְקְט מֶען אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, וֶוערְט מֶען זֵייעֶר טְרוֹיעֶרִיג, מֶען וֶוערְט אִין כַּעַס, אוּן מֶען קֶען נִישְׁט תְּשׁוּבָה טוּן, דֶערְפַאר דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג פַארְגֶעסְן וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַזוֹי קֶען מֶען זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִיט אַ פְרִישְׁקֵייט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דַאן זֶעט מֶען אַז אַלֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס מֶען הָאט גֶעהַאט, אִיז גָאר גֶעוֶוען גְרוֹיסֶע טוֹבוֹת, וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט זִיכֶער גֶעפִירְט אַזוֹי צוּם גוּטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן כ"ו), בַּיי דִי וֶועלְט אִיז שִׁכְחָה, פַארְגֶעסְן, אַ גְרוֹיסֶער חִסָּרוֹן, אָבֶּער אִין מַיינֶע אוֹיגְן הָאט שִׁכְחָה אַ גְרוֹיסֶע מַעֲלָה. וַוייל וֶוען נִישְׁט וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, וָואלְט עֶר גָארְנִישְׁט גֶעקֶענְט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ וָואלְט גֶעדֶענְקְט אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ בִּכְלַל נִישְׁט גֶעקֶענְט אוֹיפְהוֹיבְּן צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר וָואלְט אַלְץ גֶעהַאט בִּלְבּוּלִים פוּן זַאכְן וָואס עֶר אִיז דוּרְךְ. אָבֶּער דוּרְךְ דֶעם וָואס אַ מֶענְטְשׁ פַארְגֶעסְט, קֶען עֶר זִיךְ אַלְץ אוֹיפְפְרִישְׁן אוּן אָנְהוֹיבְּן פוּן נַיי. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף זִיךְ (שָׁם) אַז עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט צוּרִיק וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען פְרִיעֶר, וִוי נָאר אַ זַאךְ גֵייט אַרִיבֶּער, גֵייט עֶס אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פוּן זַיין קָאפּ, עֶר טְרַאכְט קֵיינְמָאל נִישְׁט אִיבֶּער וָואס סְ'אִיז גֶעוֶוען אַמָאל.

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַמָאל אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס פְלֶעגְט בֶּעטְן פוּן זַיינֶע חֲבֵרִים עוֹבְדֵי ה' זֵיי זָאלְן אִים קוּמֶען אוֹיפְוֶועקְן בַּיי חֲצוֹת הַלַּיְלָה וֶוען זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אָפְּרֶעכְטְן חֲצוֹת אוּן נָאכְדֶעם זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אַ גַאנְצֶע נַאכְט בִּיז וָתִיקִין. מֶען פְלֶעגְט אִים אוֹיפְוֶועקְן יֶעדֶע נַאכְט, עֶר פְלֶעגְט אוֹיפְשְׁטֵיין אוּן זֵיי זָאגְן: "אִיךְ בִּין אוֹיף, אִיךְ קוּם שׁוֹין", אוּן עֶר פְלֶעגְט זִיךְ צוּרִיק לֵייגְן שְׁלָאפְן בִּיזְ'ן טָאג אַרַיין, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען נַאכְט נָאךְ נַאכְט, וֶוען עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין שׁוּל פְלֶעגְט עֶר זָאגְן מִיט אַ שְׁמֵייכְל: "אִיךְ וֶועל 'פוּן יֶעצְט' זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד", "פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן". דָאס אִיז דֶער לִימוּד פוּן רֶבִּי'ן, נִישְׁט קוּקְן אוֹיף צוּרִיק נָאר אָנְהוֹיבְּן פוּנְדָאסְנֵיי.

דָאס זָאגְט אוּנְז דֶער מֶדְרָשׁ **אֵין וְעַתָּה אֶלָּא לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה**; **וְעַתָּה** - אוּן יֶעצְט, אוֹיבּ אִיךְ הֵייבּ אָן פוּן יֶעצְט, אִיךְ פַארְגֶעס אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, דַאן אִיז דָאס אַ לָשׁוֹן תְּשׁוּבָה, דָאס אִיז דֶער עִיקָר תְּשׁוּבָה. דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק. וְעַתָּה, אוּן יֶעצְט, וֶוען דוּ הֵייבְּסְט אָן "פוּן יֶעצְט", דַאן, **אַל תֵּעָצְבוּ** - וֶועסְטוּ נִישְׁט וֶוערְן טְרוֹיעֶרִיג, **וְאַל יִחַר בְּעֵינֵיכֶם** - אוּן דוּ וֶועסְט נִישְׁט וֶוערְן גֶערֶעגְט, נָאר פַארְקֶערְט, **כִּי לְמִחְיָ' שְׁלָחַנִי אֱלֹקִים לִפְנֵיכֶם** - דוּ וֶועסְט זֶען אַז אַלֶעס הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט צוּם גוּטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַזוֹי גֶעפִירְט אַז מֶען זָאל פַארְקוֹיפְן יוֹסֵף, כְּדֵי עֶר זָאל נָאכְדֶעם קֶענֶען שְׁפַּייזְן דִי אִידְן.

(זֹאת הַתּוֹרָה וַיִּגַּשׁ ג - עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּשְׁלַח תש"פ)

# מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

## דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "שָׁלוֹם בַּיִת אִיז זֵייעֶר וִויכְטִיג, וַוייל וֶוער עֶס הָאט שָׁלוֹם בַּיִת הָאט אַנְדֶערֶע מוֹחִין". רֶבִּי נָתָן הָאט דֶערְצֵיילְט, וֶוען עֶר אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר הָאט נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעלְט צוּ קֶענֶען פָארְן צוּם רֶבִּי'ן, הָאבְּן אִים חֲבֵרִים צוּגֶערֶעדְט עֶר זָאל פַארְקוֹיפְן זַיין וַוייבּ'ס טִיכְל. דָאס אִיז גֶעוֶוען וֶוערְד אַסַאךְ גֶעלְט, עֶס הָאט גֶעהַאט אַרַיינְגֶענֵייט אִין זִיךְ שֵׁיינֶע טֵייעֶרֶע שְׁטֵיינֶער וְכוּ', אוּן אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן גֶעלְט צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן. אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז אוֹיבּ עֶר וֶועט דָאס טוּן - וֶועט דָאס עֶרְגֶער מַאכְן דִי מַצָּב אִין שְׁטוּבּ אוּן עֶר הָאט נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט צוּ דִי חֲבֵירִים. שְׁפֶּעטֶער פְלֶעגְט רֶבִּי נָתָן דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף דֶעם וָואס עֶר הָאט נִישְׁט גֶעפָאלְגְט דִי חֲבֵירִים, עֶר הָאט נִישְׁט וֵויי גֶעטוּן זַיין וַוייבּ; עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "וָואלְט אִיךְ וֶוען פַארְקוֹיפְט אִיר טִיכְל וָואלְט גֶעוֶוען נָאכְדֶעם אַ גֶט - וָואלְט אִיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין פוּן רֶבִּי'ן"; וַוייל דֶעם רֶבִּי'נְ'ס לִיכְטִיגְקֵייט קֶען מֶען נָאר מְקַבֵּל זַיין מִיט אַ רֵיינֶעם מֹחַ, מִיט אַ הֵיילִיגֶע מֹחַ, אוּן דָאס גֵייט נָאר אַז מֶען אִיז אַן אָדָם הַשָּׁלֵם.

~~~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זֵייעֶר
<<<<<<

# א גוט ווארט

פַאר דַיין וַוייבּ זָאלְסְטוּ אוֹיסְלוֹיבְּן אִיר מִשְׁפָּחָה, נִישְׁט מַאכְן וֶוערְטְלֶעךְ אוֹיף אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אֲפִילוּ זִי וֶועט זִיךְ אַמָאל צוּרֶעדְן אוֹיף זֵיי זָאלְסְטוּ נִישְׁט מִיט רֶעדְן, נָאר אִיר אוֹיסְהֶערְן; וַוייל וֶוען אַ פְרֶעמְדֶער רֶעדְט אוֹיף עֶלְטֶערְן – טוּט דָאס וֵויי.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיִּגַּשׁ תשפ"ו)
~~~

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# אָטֶעם אַרַיין, אָטֶעם אַרוֹיס

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ
יוֹם ג' פַּרְשַׁת מִקֵּץ, כ"ו כִּסְלֵיו, ב' דְחֲנוּכָּה, שְׁנַת תשפ"ו לִפְרָט קָטָן
... נֵרוֹ יָאִיר

דו בִּיסְט גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק; דָאס וָואס דו שְׁפִּירְסְט וִוי עֶפֶּעס דְרִיקְט דִיר וְכוּ' – דָאס וֶועט אַרִיבֶּערְגֵיין, זָארְג נִישְׁט, עֶס מֶעג דְרִיקְן, פַאר יֶעדְן דְרִיקְט עֶרְגֶעץ, נָאר דָאס זָארְגְן – דָאס אִיז וָואס שְׁוַואכְט דִיךְ אָפּ; לוֹיט וִוי אִיךְ שַׁאץ אָפּ דַיין פְּרָאבְּלֶעם אִיז עֶס דָאס וָואס דו זָארְגְסְט זִיךְ אַז עֶפֶּעס גֵייט שׁוֹין כִּמְעַט פַּאסִירְן, דָאס כְּסֵדֶר'דִיגֶע זָארְג לָאזְט דִיךְ נִישְׁט לֶעבְן, מַמָּשׁ וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (בָּבָא בַּתְרָא י.): "גּוּף קָשֶׁה, פַּחַד שׁוֹבְרוֹ", דֶער שְׁטֶערְקְסְטֶער גוּף וֶוערְט צֶעבְרָאכְן פוּן זִיךְ זָארְגְן אוּן זִיךְ שְׁרֶעקְן.

לִיבֶּער בְּרוּדֶער, אַנְשְׁטָאט טְרַאכְטְן אַזוֹי סַאךְ פוּן זִיךְ – טְרַאכְט אִין דִי צַייט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, טְרַאכְט 'עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער, עֶר אִיז אִיבֶּעְרָאל, עֶר אִיז אַלֶעס, דוֹמֵם צוֹמֵחַ חַי מְדַבֵּר – אַלֶעס אִיז עֶר'.

פַארְמַאךְ דִי אוֹיגְן פַאר אֵיין מִינוּט אוּן גֶעבּ אַ גוּטֶע אָטֶעם אַרַיין אוּן לָאז אַרוֹיס דִי לוּפְט מִיט אַ קוֹל פוּן "אַהַהַהַ..." אוּן זָאג: "אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, עֶר אִיז מִיט מִיר, אִין מִיר, בַּיי מִיר אוּן נֶעבְן מִיר", אוּן טוּ עֶס נָאכְאַמָאל אוּן זָאג: "אַהַהַהַ... שְׁכּוֹחַ אֵייבֶּערְשְׁטֶער", אוּן טוּ עֶס נָאכְאַמָאל אוּן זָאג: "אַהַהַהַ... אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיבּ אֵייבֶּערְשְׁטֶער"; אַזוֹי זָאלְסְטוּ עֶס טוּן כַּמָּה פְּעָמִים בְּיוֹם.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן רעט), וֶוען עֶס דְרִיקְט וְכוּ' זָאל מֶען פַארְמַאכְן דִי אוֹיגְן אוּן זִיךְ מְבַטֵּל זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אַלֶעס גוּט; אַשְׁרֵינוּ אַז דֶער רֶבִּי הֵיילְט אוּנְז, אַזוֹי וִוי עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי זִיבְּן בֶּעטְלֶערְס (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, מַעֲשֶׂה יג): "אוּן אִיךְ הֵייל דִי..."

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה מִקֵּץ תשפ"ו)

# שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

דֶער הֵיילִיגֶער טְשֶׁערִינֶער רַב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַז עֶר הָאט אַסַאךְ אַרַיינְגֶעקְלֶערְט וִוי אַזוֹי מֶען קֶען זִיכֶער מַאכְן אַז דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים זָאלְן פַארְבְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוֹיךְ פַאר דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע דוֹרוֹת, אוּן עֶר אִיז גֶעקוּמֶען צוּם אוֹיסְפִיר אַז דָאס וֶועט עֶר טוּן דוּרְכְ'ן שְׁרַייבְּן סְפָרִים לוֹיט דִי שֵׂכֶל אוּן תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייטְן אוֹיף דֶער וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ זַיין צוּ דְרוּקְן דִי סְפָרִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן עֶס פַארְשְׁפְּרֵייטְן צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט. (אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן ע')

# סֵפֶר הַמִּדּוֹת תּוֹכָחָה חֵלֶק שֵׁנִי

ב. מִי שֶׁמְּקָרֵב אֶת הָרְחוֹקִים לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, הַבְּרָכוֹת מְסוּרִים בְּיָדוֹ. דֶער וָואס אִיז מְקָרֵב מֶענְטְשְׁן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען אָנְוואוּנְטְשְׁן בְּרָכוֹת פַאר אַנְדֶערֶע.

<<<<<< מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

פְלַייסִיג לֶערְנֶען, עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ מַתְמִיד עָצוּם; דָאךְ הָאט עֶר גֶעהַאט אַ מִנְהָג, וֶוען אֵיינֶער אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים פַאר חִיזּוּק - הָאט עֶר גְלַייךְ פַארְמַאכְט דֶעם סֵפֶר אוּן יֶענֶעם מְחַזֵּק גֶעוֶוען.

~~~

אַמָאל אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אַ מְשׁוּגֶע'נֶער בַּיי רֶבִּי נָתָן בִּשְׁעַת שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעהַאט אַ זֵיידֶע וָואס הָאט גֶעהַאט טוֹיזְנְט גָאלְדֶענֶע רֶענְדְלֶעךְ".

רֶבִּי נָתָן אִיז אַרַיין אִין אַ שְׁמוּעֶס פוּן מְשׁוּגָעִים, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "לְעוֹלָם וָואלְטְן מִיר אַלֶע גֶעדַארְפְט אוֹיסְקוּקְן וִוי דֶעם מְשׁוּגֶע'נֶעם, כְּפִי וִויפִיל עֲבֵירוֹת מִיר הָאבְּן גֶעטוּן. דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (סוֹטָה ג.) 'אֵין אָדָם עוֹבֵר עֲבֵרָה אֶלָּא אִם כֵּן נִכְנַס בּוֹ רוּחַ שְׁטוּת', אַ מֶענְטְשׁ זִינְדִיגְט נִישְׁט נָאר נָאכְדֶעם וָואס עֶר וֶוערְט מְשׁוּגָע; וָואלְטְן מִיר גֶעדַארְפְט זַיין טוֹיט מְשׁוּגָע, נָאר בִּזְכוּת וָואס מִיר זֶענֶען מְקוּרָב צוּם רֶבִּי'ן - דָאס הִיט אוּנְז. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קעו) 'צָרִיךְ הָאָדָם לְמַהֵר מְאֹד לְגָרֵשׁ מִקִּרְבּוֹ הָרוּחַ שְׁטוּת, מַה שֶּׁלִּבּוֹ מָלֵא מֵרוּחַ שְׁטוּת הַדָּבוּק בּוֹ', אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַרוֹיסְקְלַאפְּן פוּן זִיךְ אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן, אַלֶע שִׁגְיוֹנוֹת, 'וְזֶה עַל יְדֵי שֶׁנִּתְקַשֵּׁר לְהַצַּדִּיק הָאֱמֶת', דוּרְךְ זִיךְ מְקַשֵּׁר זַיין צוּם אֱמֶת'ן צַדִּיק אִיז עֶר זוֹכֶה אַרוֹיסְצוּקְלַאפְּן דִי אַלֶע נַארִישְׁקֵייטְן. וָואס אִיז הִתְקַשְּׁרוּת? 'וְהִתְקַשְּׁרוּת הַיְנוּ אַהֲבַת נֶפֶשׁ מַה שֶּׁאוֹהֵב לְהַצַּדִּיק מְאֹד', וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ דֶעם צַדִּיק, דוּרְךְ דֶעם וֶוערְט עֶר אֵיינְס מִיטְ'ן צַדִּיק, עֶר הֵייבְּט אָן גֵיין אִין דִי וֶועגְן, טוּן דִי עֵצוֹת, דוּרְכְדֶעם וֶוערְט עֶר צוּרִיק נָארְמַאל".

רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "דִי וֶועלְט אִיז מְשׁוּגָע אוּן אִיךְ אוֹיךְ, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט אַ קְלָארְן, אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן"; דֶער רֶבִּי הָאט דַעַת אוּן אַז מִיר זֶענֶען מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ נִכְלָל וֶוערְן אִין זַיין הַארְץ.

שְׁפֶּעטֶער הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "אוֹיבּ פוּן אַ מְשׁוּגֶע'נֶעם קֶען אַרוֹיסְקוּמֶען אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע הִתְחַזְּקוּת - דַארְף מֶען הָאבְּן מְשׁוּגָעִים".

~~~

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט יֶעדְן אֵיינֶעם גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן, עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גֶעפִיל פַאר יֶעדְן אִיד. מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט אַז אִין בְּרֶסְלֶב הָאט גֶעווּאוֹינְט אַ מַשְׂכִּיל אַ מְחַלֵּל שַׁבָּת בְּפַרְהֶסְיָא רַחֲמָנָא לִצְלָן וֶועלְכֶער פְלֶעגְט שְׁרַייבְּן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. אֵיין מָאל הָאט אִים גֶעכַאפְּט אַן הִתְעוֹרְרוּת אַרַיין צוּ גֵיין צוּ רֶבִּי נָתָן צוּ שָׁלשׁ סְעוּדוֹת, עֶר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען אִינֶעם בְּרֶסְלֶבְ'ן שְׁטִיבְּל בִּשְׁעַת זַיינֶע הֶענְט זֶענֶען נָאךְ גֶעוֶוען פַארְשְׁמִירְט מִיט טִינְט פוּן שְׁרַייבְּן רַחֲמָנָא לִצְלָן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ. וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אִים גֶעזֶען הָאט מֶען אִים גֶעוָואלְט אַרוֹיס טְרָאגְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אָבֶּער רֶבִּי נָתָן הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט, עֶר הָאט גֶעזָאגְט: "נִישְׁט אוּמְזִיסְט אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ אוּנְז, מִן הַסְּתָם גֵייט אַרִיבֶּער אוֹיף אִים וְכוּ'"; לְמַעֲשֶׂה הָאט דֶער אִיד אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ קוּמֶען יֶעדֶע וָואךְ צוּ רֶבִּי נָתָן, בִּיז עֶר אִיז גֶעוָוארְן אַ בַּעַל תְּשׁוּבָה אוּן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק. רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף אִים: "אִיךְ וֶועל זִיךְ בַּארִימֶען מִיט אִים אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט".

דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט גֶעהַאט פְּלַאץ בַּיי זִיךְ אִין הַארְץ פַאר יֶעדְן אִיד; רֶבִּי נָתָן פְלֶעגְט זָאגְן: "דֶעם רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִיז נָאר רַחְמָנוּת; מַמְשִׁיךְ זַיין דָאס רַחְמָנוּת פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף יֶעדְן אִיד, זָאל עֶר זַיין וֶוער עֶס זָאל נָאר זַיין".

(שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן הֵיילִיגְן סֵפֶר עֲצָתוֹ אֱמוּנָה)

# לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן רֶבִּי׳ן (רלג)

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶס וֶועט אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אַסַאךְ סְפָרִים מִיט פֵּירוּשִׁים אוֹיף זַיין סֵפֶר, מֶען וֶועט לֶערְנֶען זַיין סֵפֶר בְּעִיּוּן, מֶען וֶועט זִיךְ מְפַלְפֵּל זַיין אִין זַיין סֵפֶר אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז פוּן דִי גְרוֹיסֶע לוֹמְדִים וָואס זֶענֶען זִיךְ מְפַלְפֵּל אִין גְמָרָא רַשִׁ״י תּוֹסְפוֹת, עֶס וֶועלְן זַיין פֵּירוּשִׁים אוֹיף זַיין סֵפֶר סֵיי אוֹיפְ׳ן פָּשׁוּטְ׳ן פְּשַׁט אוּן סֵיי מֶער אוֹיף אַ טִיפֶערְן אוֹפָן, אַזוֹי וִוי רַשִׁ״י אוּן תּוֹסְפוֹת, אוּן אוֹיךְ וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת אוֹיף זַיין סֵפֶר, וָואס וֶועלְן עֶרְקְלֶערְן זַיין כַּוָּונָה אוּן זַיינֶע וֶועגְן.

אוּן אוֹיךְ דָאס אִיז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן בָּרוּךְ ה׳, וֶוען אִין יָאר תשל״ח אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן דֶער הֵיילִיגֶער סֵפֶר לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן צוּם זֶעקְס אוּן צְוָואנְצִיגְסְטֶע מָאל, מִיטְ׳ן גָאר וואוּנְדֶערְלִיכְן אוּן מוֹרָא׳דִיגְן פֵּירוּשׁ ״שְׂפַת הַנַּחַל״, וָואס אִיז נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעוֶוען פְרִיעֶר אַזַא הֶערְלִיכֶע שֵׁיינֶע זַאךְ. אוּן אוֹיךְ אִיז שׁוֹין גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אַסַאךְ חֲלָקִים פוּן דִי סִפְרֵי שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת ״אֲשֶׁר בַּנַּחַל״, וָואס זֶענֶען מַסְבִּיר דִי כַּוָּונוֹת אוּן דִי וֶועגְן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

**תשפא**

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעשְׁמוּעֶסְט, הָאט עֶר אִינְצְוִוישְׁן גֶעשְׁמֵייכְלְט אוּן גֶעזָאגְט אַז מֶען וֶועט דְרוּקְן זַיינֶע סְפָרִים אוּן מֶען וֶועט שְׁרַייבְּן אוֹיף יֶעדֶע פוּן זַיינֶע סְפָרִים ״בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר פְּלוֹנִי וּפְלוֹנִי״, אַזוֹי וִוי דֶער סֵדֶר אִיז וֶוען מֶען גֶעבְּט אַרוֹיס אַ סֵפֶר פוּן אֵיינֶעם וָואס הָאט גֶעשְׁרִיבְּן אַסַאךְ סְפָרִים, שְׁרַייבְּט מֶען אַז דָאס אִיז דֶער בַּעַל מְחַבֵּר פוּן דִי אוּן דִי סְפָרִים.

מִיט דֶעם הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי מְרַמֵּז גֶעוֶוען אַז עֶס וֶועט בְּלַייבְּן פוּן אִים אַסַאךְ סְפָרִים.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ טֵיילְוַוייז מְקוּיָּם גֶעוָוארְן בְּעֵזֶר ה׳ יִתְבָּרַךְ, אַז עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן פוּן רֶבִּי׳ן דִי סְפָרִים ״לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן״, ״סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת״, ״סֵפֶר הַמִּדּוֹת״, זַיינֶע הֵיילִיגֶע שִׂיחוֹת אִין דִי סְפָרִים ״חַיֵּי מוֹהֲרַ״ן״, ״שִׁבְחֵי הָרַ״ן״, אוּן ״שִׂיחוֹת הָרַ״ן״, וָואס הָאבְּן שׁוֹין אוֹיפְגֶעלֶעבְּט אוּן אוֹיפְגֶעלָאכְטְן אַזוֹיפִיל טוֹיזְנְטֶער אוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזְנְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִין לוֹיף פוּן אַלֶע דוֹרוֹת, אַזוֹיפִיל אִידִישֶׁע קִינְדֶער וָואס זֶענֶען נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן פוּן דִי הֵיילִיגֶע סְפָרִים, דָאס הָאט זֵיי מַחֲזִיר בִּתְשׁוּבָה גֶעוֶוען אוּן זֵיי צוּרִיק גֶעבְּרֶענְגְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אוֹיסֶער דֶעם אִיז גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן אַלֶע סְפָרִים פוּן זַיין גְרוֹיסְן הֵיילִיגְן תַּלְמִיד רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, וָואס זֶענֶען מְפָרֵשׁ אוּן זֶענֶען מַסְבִּיר דִי תּוֹרָה פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים דָאךְ אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן דִי כֹּחַ אוֹיף וַוייטֶער. אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זֶענֶען גֶעדְרוּקְט גֶעוָוארְן סְפָרִים פוּן דִי שְׁפֶּעטֶערְדִיגֶע תַּלְמִידִים אִין אַלֶע דוֹרוֹת, בִּיז צוּם הַיינְטִיגְן דוֹר וֶוען דִי בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן פְלַאקֶערְט אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן לַייכְט אוֹיף אַזוֹיפִיל הֶערְצֶער פוּן צֶענְדְלִיגֶע טוֹיזֶענְטֶער אִידִישֶׁע קִינְדֶער אִיבֶּער דֶער גָארֶער וֶועלְט.

<<<<<<



## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

# וִוי שַׁאפְט מֶען פַּרְנָסָה?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,**

אִיךְ רֶעד זִיךְ נִישְׁט אָפּ, אִיךְ רֶעד זִיךְ נָאר אוֹיס; אִיךְ הָאבּ מֶער נִישְׁט קַיין כֹּחַ, אִיךְ דַארְף פַּרְנָסָה, עֶס דְרִיקְט מִיךְ אוּן דְרִיקְט מִיךְ, עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר אַ לַאנְגֶע צַייט, עֶס זֶעט מִיר אוֹיס וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל עֶפֶּעס פוּן מִיר אוּן אִיךְ וֵייס נִישְׁט וָואס.

כָאטְשׁ וָואס בֶּאֱמֶת וֵייס אִיךְ פוּנְקְטְלִיךְ וָואס אִיךְ דַארְף פַארְעֶכְטְן, אוּן אִיךְ פְּרוּבִּיר אוּן פְּרוּבִּיר, אִיךְ וֵייס עֶס הֶערְט זִיךְ אֶפְשָׁר אִינְטֶערֶעסַאנְט, אָבֶּער אִיךְ פְּרוּבִּיר אֱמֶת׳דִיג צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, מִיּוֹם עָמְדִי עַל דַּעְתִּי קֶען אִיךְ זָאגְן אַז אִיךְ פְּרוּבִּיר מִיט אַלֶע מַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין גוּט, מִיט אַזֶעלְכֶע יְגִיעוֹת, אִיךְ הָאבּ גֶעשְׁפִּירְט מִילְיָאנֶען מָאל טַעַם מִיתָה, אוּן וִוידֶער פַאל אִיךְ אַרָאפּ, נָאר אַז אִיךְ זָאל אוֹיךְ וֶוערְן גֶעשְׁטְרָאפְט אַז פַּרְנָסָה הָאבּ אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט. אִיךְ פִיל וִוי אִיךְ בִּין פַארְוָוארְפְן פוּן אַלֶע וֶועלְטְן, סֵיי עוֹלָם הַזֶּה הָאבּ אִיךְ נִישְׁט אוּן אוֹיךְ נִישְׁט קַיין עוֹלָם הַבָּא.

יֶעדְן טָאג וֵויין אִיךְ אַ גוּטֶע שָׁעָה, מִיט הֵייסֶע הֵייסֶע טְרֶערְן, אִיךְ וַוארְף זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד, אִיךְ בֶּעט זִיךְ בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶס זֶעט אָבֶּער אוֹיס וִוי דִי טוֹיעֶרְן זֶענֶען פַארְשְׁפַּארְט.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א הָאט מִיר גֶעשְׁרִיבְּן אַ תְּפִלָּה, אִיךְ זָאג עֶס יֶעדְן טָאג; וָואס זָאל אִיךְ טוּן?

**יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וַיֵּשֶׁב, מְבָרְכִין הַחוֹדֶשׁ, כ״ב כִּסְלֵיו, שְׁנַת תשפ״ו לִפְרָט קָטָן ... נֵרוֹ יָאִיר

אוֹי וִוי גוּט טוּסְטוּ אַז דוּ וֵויינְסְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן אַז דוּ וַוארְפְסְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד וִוי אַ קִינְד וָואס וֵויינְט אוּן וַוארְפְט זִיךְ אַרָאפּ אוֹיף דֶער עֶרְד וֶוען עֶר וִויל עֶפֶּעס אוֹיסְפִירְן; אַזוֹי זָאלְסְטוּ וַוייטֶער טוּן, וַוייל דָאס אִיז דִי עֵצָה, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל. פַּרְנָסָה קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ב.) אַז דִי שְׁלִיסְל פוּן פַּרְנָסָה אִיז נָאר אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּ נֶעמֶען פוּן אַ מֶענְטְשׁ זַיין פַּרְנָסָה אוּן קֵיינֶער קֶען נִישְׁט גֶעבְּן פַּרְנָסָה – נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס וָואס עֶר אִיז דֶער זָן וּמְפַרְנֵס לַכֹּל.

מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט, אִין יְרוּשָׁלַיִם אִיז גֶעוֶוען אַ בַּאוואוּסְטֶער מַגִּיד רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן יַאדְלֶער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה וָואס עֶר פְלֶעגְט אַרוּם גֵיין אִין שׁוּלְן הַאלְטְן דְּרָשׁוֹת; אֵיינְמָאל אִיז צוּ אִים גֶעקוּמֶען אַ אִיד אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן וֵויינֶען: ״אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין פַּרְנָסָה, מַיינֶע קִינְדֶער גֵייעֶן אוֹיס פַאר הוּנְגֶער, זֵיי וֵויינֶען פַאר בְּרוֹיט וְכוּ׳ וְכוּ׳״, זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: **״וָואס ווילְסְטוּ פוּן מִיר? דוּ הָאסְט דָאךְ אַ רַייכֶער טַאטֶע, בֶּעט אִים עֶר זָאל דִיר הֶעלְפְן אוּן רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר״**, דֶער אִיד קוּקְט אָן רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן מִיט וואוּנְדֶער אוּן זָאגְט: ״מַיין טַאטֶע וָואס וואוֹינְט אִין צְפַת? וָואס קֶען עֶר מִיר שׁוֹין הֶעלְפְן? עֶר הָאט קוֹים פַאר זִיךְ צוּ לֶעבְּן?״ אוּן עֶר הֵייבְּט אָן וֵויינֶען: ״פַארְוָואס מַאכְט אִיר חוֹזֶק פוּן מִיר?!״ זָאגְט אִים רֶבִּי בֶּנְצִיּוֹן: אִיךְ מֵיין נִישְׁט דַיין טַאטֶע פוּן צְפַת, אִיךְ מֵיין דַיין טַאטֶע אִין הִימְל – דֶער גְרוֹיסֶער בַּאשֶׁעפֶער – עֶר קֶען דִיר הֶעלְפְן! בֶּעט אִים עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף דִיר״.

שְׁטַארְק זִיךְ מִיט תְּפִלָּה, אוּן אַז עֶס קוּמְט דִיר אוּנְטֶער אַ פַּרְנָסָה זָאלְסְטוּ טוּן אִין דֶעם אֲפִילוּ עֶס אִיז נִישְׁט לוֹיט דַיין כָּבוֹד וְכוּ׳, אוּן זַיי שְׁטַארְק אִין אֱמוּנָה צוּ גְלֵייבְּן אַז פַּרְנָסָה קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס הָאט נִישְׁט צוּ טוּן צִי מֶען אִיז גֶעלוּנְגֶען אָדֶער אוֹיבּ מֶען הָאט אַ גוּטְן קָאפּ.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיֵּשֶׁב תשפ״ו)

<<<<<< לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

צוּבִּיסְלֶעךְ קוּמְט אַרַיין דִי לִיכְטִיגְקֵייט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן צְוִוישְׁן אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס וֶוערְן גֶעדְרוּקְט נָאךְ נֵייעֶ סְפָרִים גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי תּוֹרָה אוּן לִימוּדִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן זֵיי בְּרֶענְגֶען צוּרִיק אִידִישֶׁע צוּ זֵייעֶר טַאטְן אִין הִימְל, מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע הִתְחַזְקוּת אוּן הִתְעוֹרְרוּת.

**תשפב**

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז מֶען דַארְף זֵייעֶר שְׁטַארְק פְּרוּבִּירְן צוּ קוֹיפְן זַיין סֵפֶר, אֲפִילוּ מֶען הָאט בְּלוֹיז דֶעם סֵפֶר אִין שַׁאנְק אִיז עֶס אוֹיךְ אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה פַאר'ן מֶענְטְשׁ, וַוייל דֶער סֵפֶר אִיז אַ גְרוֹיסֶע שְׁמִירָה, אוֹיךְ אִיז עֶס אַ שְׁמִירָה פַאר דִי עַשִׁירוּת אוּן דָאס גֶעלְט, עֶס אָפְּצוּהִיטְן פוּן סֵיי וֶועלְכֶע שָׁאדְן.

דֶער רֶבִּי דֶערְמַאנְט דֶעמָאלְט אַ נָאמֶען פוּן אַן עוֹשֶׁר אוּן גֶעזָאגְט, "אוֹיךְ פַאר אִים אִיז אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה עֶר זָאל הָאבְּן מַיין סֵפֶר בַּיי אִים אִין שְׁטוּבּ, עֶס וֶועט אִים זַיין אַ גְרוֹיסֶע שְׁמִירָה פַאר אַלֶעס, אוּן אַז זַיין עַשִׁירוּת זָאל נִישְׁט פַארְלוֹירְן גֵיין".

דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעזָאגְט אֵיינֶעם פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ וָואס אִיז דָארְט גֶעשְׁטַאנֶען, אַז עֶר זָאל גֵיין צוּ יֶענֶעם עוֹשֶׁר אוּן אִים מְעוֹרֵר זַיין אוּן מְחַזֵק זַיין צוּ קוֹיפְן זַיין סֵפֶר.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **אהרן לונגער** שליט"א קרית ברסלב
מלמד מומחה אין אונזערע הייליגע מוסדות
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **שלמה טייטלבוים** הי"ו טבריה
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש טבריה
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

***

מו"ה **דוד יודא איידליס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן מו"ה **שמעון איידליס** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **אהרן דייטש** הי"ו לעיקוואד
**צו די שמחה פון זיין זון למזל טוב**
החתן מו"ה **אליעזר דייטש** הי"ו עב"ג בת
מו"ה **חיים דוד ראזענבערג** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **נתן יוסף בורשטיין** הי"ו ירושלים עיה"ק
**צו די שמחת בר מצוה פון זיין זון למזל טוב**
הבחור **מיכאל בורשטיין** נ"ו

***

מו"ה **יואל משה מייזעלס** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון מאיר נ"י למזל טוב**

***

מו"ה **שבתי מזרחי** הי"ו קרית ברסלב
**צו די אפשערן פון זיין זון דוד נ"י למזל טוב**

מיר זענען שולדיג א געוואלדיגע הכרת הטוב פאר ר' **שבתי** הי"ו **וזוגתו** תחי', וואס זענען אזוי שטארק איבערגעגעבן פאר די הייליגע מוסדות, פאר די שטעטל, און פאר אלע גוטע זאכן אין די קהלה וואס פעלט נאר אויס, דער אייבערשטער זאל העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן זיי ביישטיין צו האבן געזונט פרנסה און נחת, זיי זאלן זען אסאך אידיש נחת פון דעם קינד און פון אלע קינדער, דורות ישרים ומבורכים

**נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'**

# שבת חנוכה מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין קרית ברסלב ליבערטי

גאר א הערליכע שבת קודש האבן אנשי שלומינו מיטגעלעבט דעם שבת חנוכה, שבת ראש חודש, ווען מען האט אפגעראכטן דעם געהויבענעם שבת אינאיינעם מיט'ן ראש ישיבה שליט"א אין קרית ברסלב ליבערטי. דער ראש ישיבה שליט"א איז שוין אנגעקומען אין שטעטל אום מיטוואך נאכט, און די וועכנטליכער ליל שישי שיעור האט דער ראש ישיבה שליט"א אויך שוין געגעבן אין שטעטל, גאר א שיינע שיעור, מיט גאר שיינע התחזקות און עצות פאר'ן לעבן, מען קען הערן דעם גאנצן שיעור אויף די "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע.

ווי באקאנט ווען דער הייליגער רבי האט געלעבט איז מען זיך צוזאמגעקומען ביים רבי'ן דריי מאל א יאר, אויף ראש השנה, שבת חנוכה, און יום טוב שבועות. איידער דער הייליגער רבי איז נסתלק געווארן האט ער אונז אנגעזאגט אז מיר זאלן ווייטער קומען צו אים אויף ראש השנה, און דערפאר פארן טאקע אזויפיל צענדליגע טויזענטער אידן יעדעס יאר קיין אומאן צום הייליגן רבי'ן אויף ראש השנה, אבער אויף די אנדערע צוויי צייטן פירט מען זיך אז מען קומט זיך צוזאם מיט אנשי שלומינו צו דאווענען אינאיינעם מיט ברסלב'ע חסידים, און מיט דעם איז מען ביים הייליגן רבי'ן.

דער ראש ישיבה האט געדאווענט אלע תפילות אין די האשקי שול, קבלת שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דעם ראש ישיבה דאווענען, עס האט אנגעווארעמט יעדנ'ס הארץ, אויך אינדערפרי איז דער ראש ישיבה צוגעגאנגען צו שחרית, און געדאווענט א ווארעמע הלל מיט גרויס געשמאק. אין לויף פונעם שבת האט מען געהאט די זכי' צו הערן דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט איבערגע'חזר'ט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי'ן, אנגעצינדען א פרישע חיות און ברען צו דינען נאר דעם אייבערשטן, און ווי אזוי מען האבן אזא גוטע און געשמאקע לעבן, סיי ברוחניות און סיי בגשמיות, אז מען הערט זיך צו צום הייליגן רבי'ן. דער גאר הערליכער שבת וועט זיכער בלייבן אין די ביינער פון אלע באטייליגטע אויף גאר א לאנגע צייט.

מוצאי שבת איז פארגעקומען א הערליכע מלוה מלכה פאר'ן גאנצן ציבור, מען האט זיך געוואשן צו א שיינע סעודה, מען האט געזינגען זמירות, די קינדער פון חדר האבן אראפגעלייגט אן הערליכע "הנרות הללו" מיט א שיינעם כאר, דערנאך האט מען ארויפגערופן פילע קינדער און בחורים וואס האבן געמאכט סיומים אינעם סדר וואו זיי האלטן מיט'ן סדר דרך הלימוד, און דאן האט מען געהאט די זכי' אז דער ראש ישיבה שליט"א האט ווידער גערעדט דברות קודש, אויפצופלאמען אונזערע הערצער מיט'ן ליכטיגן שיין פון הייליגן רבי'ן, ווי דער רבי האט זיך אויסגעדרוקט "מיין פייער וועט שוין טליען ביז משיח וועט קומען", דעם רבינ'ס עצות און חיזוק האבן די כח אויפצולייכטן יעדע אידיש הארץ, ווער עס איז נאר וויליג זיך צוצוהערן דערצו און עס פרובירן צו פאלגן.

דער ראש ישיבה שליט"א איז געבליבן אין שטעטל ביז זונטאג נאכט, און אין לויף פון די טעג איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין אלע אפטיילונגען פון די מוסדות, צו מחזק זיין און אויפלעבן די קינדער און די איינגעשטעלטע, ווי אויך אין כולל און אין כולל בוקר און נאך.

זונטאג ראש חודש איז דער ראש ישיבה שליט"א געווען אין חדר, דער ראש ישיבה שליט"א האט געדאווענט שחרית מיט די עלטערע קלאסן, און ביי הלל זענען אויך אריינגעקומען די יונגערע קלאסן, מיטצוהאלטן דעם שיינעם הלל. דערנאך איז דער ראש ישיבה שליט"א אריינגעגאנגען אין יעדע קלאס פון תלמוד תורה באזונדער, דער ראש ישיבה שליט"א האט געטיילט חנוכה געלט פאר אלע קינדער, און גערעדט אפאר ווערטער פאר יעדע קלאס לויט זייער דרגא, אויסגעפרעגט מעשיות פון תפלה און נאך. מען וועט עס אי"ה קענען הערן אויפ'ן "קול ברסלב" טעלעפאן ליניע.

## חינוך שיעורים

**א הערליכע זאמלונג פון גאר גרינטליכע שיינע שיעורים אין חינוך, געאייגנט פאר מלמדים און לערערינס, און אויך פאר עלטערן**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 4, 2, 1**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך;**
**דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**718-387-2691**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון אמונה (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **/chizikyomi@gmail.com** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >